גוט יום טוב אלע אידן. משה גאלד (נישט זיין עכטע נאמען) איז געבוירן געווארן אין יוראפ באלד פאר די פינסטערע טעג פון דעם צווייטען וועלט מלחמה. מיט נסים האבן ער מיט זיין טאטען און באבע דורכגעלעבט די מלחמה, אבער ליידער האט משה פארלוירן זיין מאמע און ברידער און שוועסטער, הי"ד. בקיצור נאכ'ן קריג האט משה'ס טאטע געברענגט משה'לע מיט משה'ס באבע קיין ארץ ישראל. זיי האבן זיך באזעצט אין שטאט לוד, וואס איז נישט געווען אזא פרומע געגענט.

משה'ס טאטע איז נעבאך נישט ארויסגעקומען פונעם קריג מיט די תמימותדיגע אמונה וואס א איד דארף צו האבן. די באבא איז אבער נאכאלץ ברוך השם געגאנגען אויפן אידישען וועג, און זי האט זיך באזארגט וועגן דעם אידישען חינוך פונעם אייניקל משה. צוליב דעם האט זי געשטופט איר זון אז מען זאל שיקן משה'לע צו לערנען אין היימישע מוסדות. מזל האט דער קליינער משה געהאט אז די נעענסטע מוסד צו לוד איז דעמאלט געווען בעלזא אין שטאט תל אביב. דערפאר איז דער יונגעל משה געגאנגען לערנען אין בעלזא אין תל אביב.

משה, אפילו ער איז געווען א יונגל, איז ב"ה זייער שנעל געווארן שטארק מקושר צו בעלזא, בפרט צום בעלזער רב דער הייליגער מלאך אלוקים רב אהרן זצוק"ל. משה פלעגט גיין צו דער רבי'ס טיש וואו אסאך מאל ער איז געזיצען אינטערן טיש מיט דעם היינטיגען בעלזער רב שליט"א וואס איז אויך געווען דעמאלט א יונג קינד. וויבאלד אז משה איז געווען אביסל עלטער ווי דער היינטיגען רבי'ן, האט ר' אהרן זצוק"ל אסאך מאל אהיימגעשיקט זיין פלעמעניק דער היינטיגען רבי מיט משה פרייטאג צונאכטס נאכן טיש, וכו'.

משה איז ב"ה געווארן בר מצוה און עס געווען דעמאלט א גרויסע "שמחת בית בעלזא" ווייל אין יענע יארן באלד נאך די מלחמה, זענען די חסידישע מוסדות געווען נאך קליין. חוץ פון דעם, איז דער בחור משה ספעציעל באליבט געווען צווישן די חסידים וואס האבן רחמנות געהאט אויפן יתום. אפילו אז משה איז ב"ה געוואקסען אין תורה און יראת שמים, איז זיין טאטע איז נעבאך געבליבן "פריי." פארשטייט זיך אז די באבע איז זייער שטארק צופרידען געווען צו זען אז איר אייניקל, וואס איז געווען פון די געציילטע אייניקלעך וואס האבן דורכגעלעבט די מלחמה, איז ב"ה געווען פרום.

איין טאג האט נעבאך אלעס זיך געטוישט. משה פלעגט אהיימקומען אמאל צו מאל קיין לוד צו באזוכען דעם טאטען. וויבאלד אבער אז לוד איז נישט געווען קיין פרומע פלאץ, האט די שלעכטע סביבה אין לוד צוביסלעך געהאט א השפעה אויף אים, השם ירחם. עס האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם לבוש, און עס איז געווארן נעבאך זייער שוואך זיין רוחניותדיגע מצב. צוביסלעך האט ער ליידער אלעס פארלוירן.

אפאר יאר שפעטער איז משה געפארן קיין אמעריקא. ער האט געזוכט ארבעט אבער ער האט נישט אזוי מצליח געווען. איין טאג האט ער זיך געחברט מיט נישט קיין גוטע חברים. איינער פון די חברה האט מציע געווען צו טון נישט לעגאלע זאכן. משה האט מסכים געווען און פאר עטליכע יאר האט ער געמאכט געלט נישט לעגאלערהייט. אזוי ווי מען ווייסט, ווערט די רעגירונג בעסער און בעסער אין כאפן פארברעכערס. בקיצור, איין טאג האט די פאליציי אים געכאפט.

זיין שותף איז ענטלאפן און דערפאר האבן די פאליציי נאר געכאפט משה. משה האט גענומען דעם בעסטען אדוואקאט וואס איז געווען שייך. אפילו אז ער האט געהאט דעם בעסטן לויער, האט ער מורא געהאט אז ער וועט ווערן איינגעשפארט אויף לאנגע יארן.

אפאר נעכט פארן משפט, האט ער געהאט א מוראדיגען חלום פונעם בעלזער רב רב אהרן זצ"ל, וואס איז שוין נפטר געווען בערך צען יאר פריער. דער רבי זצ"ל האט געזאגט צו משה אין חלום אז טאמער ער וועט תשובה טון און געבן אסאך צדקה צו די בעלזער מוסדות וועט ער זוכה זיין בדין.

די נעקסטע טאג האט משה געבעטען אז מען זאל פאר אים פארשאפן טלית און תפלין. די טאג פונעם משפט האט ער באקומען רשות צו טראגן זיין טלית און תפלין (וואס דאס אליינס איז געווען א פלא ווייל דאס איז א זעלטענע זאך אז א דזשאדזש זאל עס לאזן.) בקיצור ביים משפט האט ער געטענעט אז ער איז בכלל נישט געווען שולדיג ווייל יענער שותף (וואס איז געווען א גוי) האט באמת אלעס געטון און ער האט גארנישט געוואוסט וואס ער טוט וכו'. הפלא ופלא! דער דזשאדזש האט אים גע'פטר'ט!

נישט לאנג דערנאך האט ער מקיים געווען וואס זיין רבי האט אים געהייסען אין חלום און ער האט אנגעפאנגען צוריקצוקערן צום אידישען וועג ב"ה. דערנאך האט ער חתונה געהאט און ער האט אנגעפאנגען צו בויען א שיינעם אידישען שטוב. צוביסלעך איז ער געווען מער און מער חסידיש. היינט האט ער אייניקלעך און אוראייניקלעך וואס לערנען ב"ה אין בעלזער מוסדות אין ארץ ישראל. (געהערט פון ר' משה'ס אידעם, וואס איז היינט א ראש ישיבה אין ארץ ישראל!)

סוכות ווערט אנגערופן "ראשון לחשבון עונות." דער אייבערשטער האט אונז אלע געגעבן א נייע פרישע יאר. ראש השנה און יום כיפור האבן מיר זיך איינגעבויגען צו זאגן ווידוי ביי א משפט, אזוי ווי א שופר איז געבויגען. יעצט סוכות זענען מיר ארויס פונעם משפט ב"ה, און מיר קענען שוין שטיין גלייך אזוי ווי א לולב איז גלייך. לאמיר אלע זיך פרייען אין דעם זמן שמחתנו, און אנפאנגען דעם נייען יאר בשמחה און מיט הכרת הטוב פארן באשעפער. גוט יום טוב אלע אידן.

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינים אצל נכדו הרה"צ רבי יעקב יוסף שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א וחתן הרה"צ רבי יצחק שליט"א, ואצל נכדו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מענדל שליט"א

מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף טויב שליט"א לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ • מזל טוב לחתנים יודל בייער וזרח גרין הי"ו

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים

לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר

למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים!

גוט **שבת אלע אידן.** ר' מיכל וועגה (זיין עכטע נאמען) איז געבוירן געווארן אין רוסלאנד אבער אין די שווערע יארן פונעם צווייטן וועלט מלחמה איז ער געוועזן אין שטאט קאשוי. אין קאשוי האט ר' מיכל געהאט א נאנטען שייכות מיט א צדיק א תלמיד חכם וואס האט געהייסן ר' יחזקל מערץ ז"ל, וואס איז באקאנט געווארן פאר זיין התמדה און ערליכע דאווענען.

ווען די מלחמה איז געקומען צו קאשוי, זענען ר' מיכל און ר' חזקל מיט די גאנצע קהילה געגאנגען וואוינען אין בודאפעסט וואס האט דעמאלט נישט אזוי ווייט געליטן פון די דייטשען ימ"ש. אין בערך תש"ד האבן די דייטשען ימ"ש אנגעפאנגען צו פארשיקן אידן פון אונגארן צו די לאגערן. פאר די ערשטע בערך פונף יאר פונעם קריג, זענען די דייטשען נישט אריינגעקומען קיין אונגארן, ווייל אפיציעל איז אונגארן געווען דייטשלאנד'ס חבר. און אפילו דעמאלט ווען די דייטשען ימ"ש זענען יא אריינגעגאנגען אין אונגארן, האבן זיי נישט געכאפט די אידן אלעס אויף אמאל. ווייל ביים אנפאנג האט דער רעגירונג אין אונגארן נישט אינגאנצען מסכים געווען צו הרג'ענען די אידן. דורך דעם זענען ב"ה עטליכע אידן אנטלויפן פון דער שואה.

בקיצור, איין טאג ווען ר' חזקל און ר' מיכל האבן געדאווענט אין א שול אין בודאפעסט זענען די דייטשע סאלדאטן געווען אויפן וועג צום שול צו כאפן די אידן דארט. ווען איינער האט געזאגט צו דעם עולם אין שול אז עס קומט די דייטשע סאלדאטן, איז די גאנצע עולם ארויסגעלאפן פונעם שול. ר' מיכל, וואס איז א נאר קורצע צייט געקומען קיין בודאפעסט, האט נישט געהאט וואו צו אנטלויפן. וועגן דעם איז ער געגאנגען ארויף צום עזרת נשים וואו ער האט זיך באהאלטן. ר' חזקל איז אויך געווען דארט, אבער וויבאלד אז ער האט געהאלטן אין מיטן שמונה עשרה, האט ער זיך נישט געגעבן קיין ריר ווען די גאנצע עולם איז שנעלערהייט אנטלויפן פונעם שול! ר' מירל האט אראפגעקוקט פונעם עזרת נשים צו זען ווי די דייטשע חיות זענען אריינגעקומען צום הייליגן שול.

א סאלדאט איז גלייך ארובערגעגאנגען צו ר' חזקל און ער האט געלייגט זיין ביקס אויף זיין קאפ. ר' חזקל האט נישט וויסענדיג געמאכט, וויבאלד אז ער האט דעמאלט געדאווענט. א סעקונדע פאר יענער סאלדאט האט געהרג'עט ר' חזקל, האט דער הויפט אפיצער אוועקגעשטופט דעם ביקס פונעם קאפ פונעם איד, זאגענדיק אויף ר' חזקל, "לאז אים... ער איז נישט כדאי דעם קויל!" הפלא'דיג!

דער אפיצער האט ארומגעקוקט דעם שול זוכענדיג אנדערע אידן. דאן האט דער אפיצער געהייסן אז דער סאלדאט זאלט אפשיסן מיט זיין מאשין גאן דעם גאנצן שול, צו מאכן זיכער אז עס האט זיך נישט באהאלטן דארט אידן. דער סאלדאט האט געפאלגט זיין באפעל און ער האט אנגעהויבן צו שיסן איבעראל אין דעם שול אריין אין דעם ארון קדוש, דער בימה, און די ווענט אויך. באהאלטענדיג אין עזרת נשים, ר' מיכל האט זיך נישט געקענט אנטלויפן פונעם שיסעריי און ער האט ליידער געכאפט א קויל אין זיין פיס. ער האט אריינגעלייגט זיין האנט אין זיין מויל, כדי זיי געשריי זאל אים נישט אנטפלעקן צו די רשעים. נאכדעם זענען די סאלדאטן אוועקגעגאנגען, לאזענדיק ר' חזקל דאווענען אזוי!

באלד דערנאך, האט ר' חזקל געענדיגט זיין תפילה. ר' מיכל איז אראפגעקומען הינקערדיגערהייט. ר' חזקל איז איבערראשט געווארן צו זען זיין חברותא'ס פיס. ער האט בכלל נישט משים לב געווען צו אלעס וואס איז געשען ארום אים... דאס הייסט כוונה ביים דאווענען!

ב"ה אז ר' מיכל האט מצליח געווען צו טרעפן א דאקטאר וואס וועט אים העלפן און מיט אפאר וואכן איז געווען אויף זיין פיס נאכאמאל, אפילו ער איז געגאנגען מיט א שטעקן. דערנאך האט ער געהערט אז די דייטשע האבן ארעסטירט ר' חזקל, ווייל זיי זענען געוואר אז ר' חזקל איז א "ראבינער" (א רב.) אין מיטן די נאכט איז ר' מיכל ארובערגעגאנגען צו דער תפיסה צו טון שתדלנות פאר זיין חברותא ר' חזקל.

דער שומר איז געווען א אונגארישער (נער) און נישט קיין דייטשער, וועגן דעם האט ר' מיכל געהאט א טשענס מיט אים. ר' מיכל האט מרמז געווען אז ער וואלט גרייט געווען צו געבן שוחד צום שומר. דער שומר האט גלייך פארשטאנען און ער האט געזאגט אז ער וועט נישט טראכטן פון לאזן ר' חזקל אנטלויפן פאר ווייניגער ווי פיר הונדערט פענגוס וואס איז געווען א גרויסע סכום דעמאלט. ר' מיכל האט נישט אזוי פיל געטראכט און ער איז שנעל געגאנגען ברענגען אלע זיין געלט וואס ער האט געהאט און ער האט עס איבערגעגעבן פארן שומר, בעטענדיג אז דער שומר זאל גארנישט זאגן פאר ר' חזקל ווער עס האט אים אויסגעלייזט.

ב"ה אז ר' מיכל מיט ר' חזקל האבן איבערגעלעבט די מלמה. ר' מיכל איז געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל, און ר' חזקל קיין ניו יארק, וואו ער האט געגרונדעט דער תולעת יעקב שול אין וויליאמסבורג. ר' חזקל איז געווען א גרויסע עסקן פאר צדקה צוועקן און אנדערע מצוות. למשל, ער האט אסאך אויפגעטון פאר צניעות דורך דעם וואס ער האט ערלעדיגט עקסטרע באסעס פאר מענער און פרויען, כדי אידן פון וויליאמסבורג זאלן קענען אריינפארן צום ארבעט.

בערך פונף און דרייסיג יאר נאך די מלחמה איז ר' מיכל געפארן קיין אמעריקא צו באזוכן אפאר פון זיינע קינדער וואס האבן געוואוינט אין ניו יארק דעמאלט. ר' מיכל איז געגאנגען באזוכן זיין אלטען חברותא ר' חזקל. דעמאלט האט ר' מיכל געוואלט מקיים זיין דעם ענין פון "הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו." (שבת י:) און ער האט געזאגט צו ר' חזקל אז ער האט באצאלט דעם געלט דעמאלט כדי אים אויסצולייזן פון תפיסה.

ר' חזקל איז איבערראשט געווארן צו ווערן געוואר אז ער איז שולדיג געווען דאס געלט אלע יארן פאר ר' מיכל. ר' חזקל האט אים געזאגט אז ער וויל יעצט באצאלן, אבער ר' מיכל האט אים געזאגט אז ער דארף נישט ווייל ער האט שוין צוריקבאקומען דעם געלט. ווי אזוי?

ר' מיכל האט דערציילט ווי יענע נאכט נאכדעם וואס ער האט גענוצט זיין לעצטע פעני פארן שוחד אויסצולייזן ר' חזקל, איז ער טאקע אהיימגעגאנגען אביסל באזארגט, ווייל דעמאלט האט ער נישט געהאט קיין געלט צו ראטעווען זיין אייגענע לעבען אין אזעלכע שווערע טעג. אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געטראפן א זעקל געלט אונטער זיין קושן. און אין יענע זעקל איז געווען פיר הונדערט פענגוס! און ער האט נישט געוואוסט פון וואו עס איז געקומען, ער האט געמיינט אלע יארן אז א מלאך האט עס דארט געלייגט!

א מוראדיגע מעשה! ר' מיכל האט נישט דעמאלט געוואלט אז ר' חזקל זאל וויסן אז ער האט צוריקבאצאלט דעם פדיון געלט, און ווען ר' חזקל איז געוואר אז ר' מיכל האט באצאלט, האט נישט געוואלט אז ר' מיכל זאל וויסן ער איז געוואר, כדי ר' מיכל זאל פילן גוט מיט זיין מצוה!

עס זענען אסאך מוסר השכל'ס וואס מען קען ארויסנעמען פונעם מעשה. איז לאמיר לייגן דעם דגש אויפ'ן ענין פון אהבת ישראל. מען זעט דעם ענין פון אונזער מעשה מיט ר' חזקל און ר' מיכל. יעצט אז כלל ישראל פרייט זיך אין דעם "זמן שמחתנו" איז וויכטיג אין זינען צו האבן יענעם מיט געבען צדקה און ארויסהעלפן משפחות וואס האבן נישט, דורך דעם וועט עס זיין א "זמן שמחתנו" פאר אלע אידן. גוט **שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. לע"נ ר' אברהם בן ר' יששכר דוב ע"ה
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)

**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים!**